בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלְיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

גליון ס"ט

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת פנחס
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

מָאנְטָאג פַּרְשַׁת דְּבָרִים, שְׁנַת תשפ"ג

## אִיז זֶעלְבְּסְט שׁוּץ נְקָמָה ?

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים מָאנְטָאג פַּרְשַׁת דְּבָרִים שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס בַּייסְט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער

אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט, וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ בַּייסְן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער?

מֶען קֶען זָאגְן פַאר אַ קִינְד אֵיין מָאל און צְוֵויי מָאל: **"בַּייס נִישְׁט"**, אָבֶער אוֹיבּ עֶס הֶערְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, קֶען מֶען בְּרֶענְגֶען אַ בָּאטְל פֶעפֶער און וַוייזְן פַאר דֶעם קִינְד: **"אוֹיבּ מֶען בַּייסְט מוּז מֶען אַרַיינְלֵייגְן פֶעפֶער אִין מוֹיל!"** מֶען דַארְף עֶס נִישְׁט אַרַיין לֵייגְן אִין מוֹיל, עֶס אִיז גֶענוּג אַז מֶען וַוייזְט עֶס פַארְ'ן קִינְד.

עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז דֶער קִינְד אִיז אַ מְחוּצָף, עֶס קֶען זַיין אַז עֶר אִיז פַארְטְרַאכְט, זַיין מֹחַ הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט וָוען מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים, דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ אִים אַבִּיסְל שְׁטְרֶענְגֶער אַז עֶר זָאל עֶס דֶערְהֶערְן.

### זֶעלְבְּסְט שׁוּץ אִיז נִישְׁט קַיין נְקָמָה

הָאט מִיר דֶער מְלַמֵּד גֶעפְרֶעגְט: וָואס זָאל מֶען טוּן וָוען מֶען זֶעט וִוי דֶער קִינְד בַּייסְט אַן אַנְדֶערֶער קִינְד אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, און דֶער אַנְדֶערֶער קִינְד ווִיל אֵיינְמָאל צוּרִיק בַּייסְן, דַארְף מֶען אִים אָפְּשְׁטֶעלְן אָדֶער נִישְׁט?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, מֶען מֶעג אִים אָפְּשְׁטֶעלְן און אוֹיסְלֶערְנֶען גוּטֶע מִדּוֹת אַז מֶען טָאר נִישְׁט נֶעמֶען קַיין נְקָמָה, אָבֶער דָאס אִיז נָאר אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד קוּמְט אַרַיין אִינֶעם בִּילְד, דֶער מְלַמֵּד שְׁטֶעלְט אָפּ דֶעם קִינְד פוּן בַּייסְן נָאכְאַמָאל, אָבֶער אוֹיבּ דֶער אַנְדֶערֶער קִינְד גֵייט וַוייטֶער וֶוערְן גֶעבִּיסְן, און עֶר ווִיל אֵיינְמָאל צוּרִיק בַּייסְן כְּדֵי יֶענֶער זָאל אִים אָפְּלָאזְן - דַארְף זִיךְ דֶער מְלַמֵּד נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג מַאכְן, עֶר מוּז נִישְׁט בַּאמֶערְקְן וִוי דֶער אַנְדֶערֶער קִינְד בַּייסְט צוּרִיק, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דִי הֲלָכָה (יוֹמָא פה:): **"הַבָּא לְהָרְגְךָ הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ"**, אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל דִיךְ שֶׁעדִיגְן, מֶעגְסְטוּ זִיךְ בַּאשִׁיצְן פוּן יֶענֶעם, דָאס מֵיינְט 'זֶעלְבְּסְט שׁוּץ', אִין עֶנְגְלִישׁ רוּפְט זִיךְ דָאס 'סֶעלְף דִיפֶענְס'.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו וֶועגְן דֶעם עִנְיָן פוּן אַ פְרוֹי פוּן צְפַת, זִי פְרֶעגְט מִיר וָואס זָאל זִי טוּן, זֵיי קוּמֶען פוּן יְרוּשָׁלַיִם און זִי רֶעדְט אוֹיף דִי יְרוּשָׁלַיִמֶ'ע אַקְצֶענְט, און אִיר טָאכְטֶער קוּמְט יֶעדְן טָאג אַהֵיים פוּן שׁוּלֶע וֵויינֶען אַז אִיר גַאנְצֶע כִּתָּה טְשֶׁעפֶּעט אִיר מִיט אִיר מַאמֶע, מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אִיר מַאמֶע רֶעדְט, דִי פְרוֹי פְרֶעגְט מִיר, וָואס זָאל אִיךְ זָאגְן פַאר מַיין טָאכְטֶער? זָאל זִי זִיךְ לָאזְן טְרֶעטְן, אָדֶער זִי מֶעג עֶפֶּעס צוּרִיק טוּן אַז מֶען זָאל אִיר אָפְּלָאזְן?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט, עֶס אִיז דָא דִי זַאךְ פוּן נִישְׁט נֶעמֶען קַיין נְקָמָה, וֶוען אֵיינֶער הָאט דִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט - טוּ נִישְׁט צוּרִיק, זַיי יֶענֶעם מוֹחֵל, נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ קִינְד וָואס שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ, עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף מַיינֶע בֵּיינֶער, וִוילַאנְג אִיךְ וֶועל אִים נִישְׁט וַוייזְן אַז אִיךְ בִּין אוֹיךְ שְׁטַארְק, וֶועט עֶר מִיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן, דָאס הֵייסְט נִישְׁט קַיין 'נְקָמָה', דָאס הֵייסְט 'לָאז מִיךְ לֶעבְן'.

אַוַודַאי דַארְף מֶען נִישְׁט זָאגְן פַארְ'ן אַנְדֶערֶער קִינְד: **"בַּייס צוּרִיק יֶענֶעם"**, אָבֶער אַז עֶר גֵייט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס בַּייסְן, דַארְף זִיךְ נִישְׁט דֶער מְלַמֵּד וואוּסֶענְדִיג מַאכְן.

דָא אִין שְׁטֶעטְל וואוֹינְט אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגְל, הָאט מֶען אִים גֶעטְשֶׁעפֶּעט און גֶעטְשֶׁעפֶּעט אָן אוֹיפְהֶער, הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט, דִי קוּמֶענְדִיגֶע מָאל וֶוען דִי קִינְדֶער גֵייעֶן נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן דִיךְ צוּ טְשֶׁעפֶּען זָאלְסְטוּ גֶעבְּן פֶּעטְשׁ, עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, דִי קוּמֶענְדִיגֶע מָאל וֶוען אֵיינֶער הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְשֶׁעפֶּען, הָאט עֶר יֶענֶעם אָנְגֶערִיסְן דִי בֵּיינֶער, און אַלֶעס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט.

מוֹהֲרָא"שׁ אַלֵיינְס הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַזַא פַּרְשָׁה מִיט זַיין זוּנְ'ס בָּאס דְרַייוֶוער. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בָּאס דְרַייוֶוער וָואס הָאט אוֹיסְגֶעצַאפְּט דָאס בְּלוּט פוּן מוֹהֲרָא"שְׁ'ס זוּן, דֶער זוּן אִיז יֶעדְן טָאג אַהֵיימְגֶעקוּמֶען וֵויינֶען אַז דֶער בָּאס דְרַייוֶוער טְשֶׁעפֶּעט אִים וֶועגְן בְּרֶסְלֶב, אֵיינְמָאל הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם בָּאס און גֶעוָוארְנְט דֶעם בָּאס דְרַייוֶוער: **"הֶער אוֹיף צוּ טְשֶׁעפֶּען מַיין זוּן וֶועגְן מִיךְ"**, און דֶער זוּן אִיז וַוייטֶער אַהֵיימְגֶעקוּמֶען טָאג נָאךְ טָאג וֵויינֶען אַז עֶר הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיף צוּ טְשֶׁעפֶּען, בִּיז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהֵייסְן דִי בָּחוּרִים זָאלְן אָפְּוַוארְטְן דִי בָּאס בַּיי זַיין הוֹיז, וֶוען דִי בָּאס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּפְרִי אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם זוּן, אִיז אַ בָּחוּר אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בָּאס און פַארְקִירְט דֶעם בָּאס אִין דִי זַייט, עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם דְרַייוֶוער און מֶען הָאט אִים גֶעשְׁלָאגְן, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען, דֶער דְרַייוֶוער הָאט גֶעסְטְרַאשֶׁעט אַז עֶר גֵייט רוּפְן דִי פָּאלִיצֵיי, הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: **"דוּ הַרְגְ'עֶסְט מַיין זוּן, טוּ אִיךְ וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט 'הַבָּא לְהָרְגְךָ הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ'!"**

בֶּאֱמֶת אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אַז דֶער מְלַמֵּד זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דֶער קִינְד זָאל מֶער נִישְׁט בַּייסְן, מִמֵּילָא וֶועט דֶער קִינְד נִישְׁט דַארְפְן צוּרִיק בַּייסְן, אָבֶער אוֹיבּ דֶער קִינְד זֶעט אַז קֵיינֶער נֶעמְט זִיךְ נִישְׁט אָן פַאר אִים, אִיז גָארְנִישְׁט אוֹיבּ עֶר בַּייסְט צוּרִיק, אַזוֹי בַּאשִׁיצְט עֶר זִיךְ.

דִי שְׁוֶועריִקַייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז, וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אַ קִינְד דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אָדֶער מֶען זָאגְט אִים אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל: **"שְׁלָאג נִישְׁט"**, **"בַּייס נִישְׁט"**, זֶעט מֶען נִישְׁט אַלְץ וִוי דִי דִיבּוּרִים טוּעֶן אוֹיף, עֶס קֶען זַיין אַז דֶער

קִינְד גֵייט נִישְׁט אָפְּמַאכְן דִי סֶעקוּנְדֶע אַז 'אִיךְ שְׁלָאג נִישְׁט' אוּן 'אִיךְ בַּייס נִישְׁט', מֶען דַארְף אָבֶער ווִיסְן אַז דִי דִיבּוּרִים גֵייעֶן אַרַיין אִין זַיינֶע אוֹיעֶרְן, אוּן אֵיין טָאג גֵייט עֶר אוֹיפְהֶערְן שְׁלָאגְן אוּן בַּייסְן.

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס רֶעדְט זֵייעֶר לַאנְג

אַ מְלַמֵד הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט, עֶר הָאט אַ קִינְד אִין כִּתָּה וָואס וֶוען מֶען גֶעבְּט אִים אַ גֶעלֶעגֶנְהֵייט צוּ רֶעדְן, רֶעדְט עֶר זֵייעֶר לַאנְג, אוּן דֶער מְלַמֵד ווִיל שׁוֹין גֵיין וַוייטֶער אָבֶער דֶער קִינְד הַאלְט נָאךְ אִינְמִיטְן רֶעדְן, דַארְף עֶר אִים לָאזְן אוֹיסְרֶעדְן?

אַ קִינְד וָואס רֶעדְט לַאנְג קֶען אִים דֶער דֶער מְלַמֵד אִיבֶּערְנֶעמֶען אִינְמִיטְן רֶעדְן, מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ שַׁאנְס צוּ רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער אוּן יֶעצְט גֵייט מֶען וַוייטֶער צוּם קוּמֶענְדִיגְן אִינְגְל, אָדֶער גֵייט מֶען דַאוֶוענֶען, אוּן עֶס אִיז פְּרֵיילִיךְ אִין כִּתָּה.

אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם אַוֶועקְצוּנֶעמֶען דִי זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט פוּן דֶעם קִינְד, מֶען טָאר אִים נִישְׁט זָאגְן: **"דוּ רֶעדְסְט אוּן רֶעדְסְט אוּן רֶעדְסְט, הֶער שׁוֹין אוֹיף צוּ רֶעדְן!"** חַס וְחָלִילָה!

הָאט מִיר דֶער מְלַמֵד גֶעפְרֶעגְט, דִי גַאנְצֶע כִּתָּה הָאט זֵייעֶר לִיבּ אוֹיסְצוּהֶערְן וֶוען עֶר דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה, מֶעג מֶען אִים לָאזְן דֶערְצֵיילְן אוּן הַאלְטְן גֶעשְׁפַּאנְט דִי כִּתָּה מִיט זַיינֶע מַעֲשִׂיוֹת וֶוען עֶס אִיז יָא דָא דִי צַייט?

עֶס וֶוענְד זִיךְ, אוֹיבּ מֶען זֶעט אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז אַ גוּט קִינְד, עֶר טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, קֶען מֶען אִים לָאזְן דֶערְצֵיילְן.

## זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אַ מְנַהֵל אוּן מְלַמְדִים דַארְפְן הָאבְּן אַסַאךְ כֹּחַ. דֶער עִיקָר עֵצָה צוּ בַּאקוּמֶען כֹּחַ אִיז אַז מֶען בִּינְדְט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אַ בַּארְג מִיט זַאכְן וָואס אִיךְ דַארְף מְסַדֵר זַיין, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא! אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער דֶעם טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶס גְרִינְגֶער.

אִין שְׁטָאט גֵייעֶן דִי מְלַמְדִים אִין חֵדֶר צוּפִיס, קֶען מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוֹיפְ'ן וֶועג גֵייעֶנְדִיג צוּ דִי חֵדֶר, אוּן אִין שְׁטֶעטְל וָואס מֶען קוּמְט מִיט דִי קַאר, קֶען מֶען זִיךְ אוֹיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד זַיין, מֶען קֶען קוּמֶען אִין חֵדֶר דוּרְךְ צְוֵויי וֶועגְן, אֵיינְס אִיז דִי פְּשׁוּטְ'ע וֶועג, נָאכְדֶעם אִיז דָא בַּיי דִי אַנְדֶערֶע זַייט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג וָואס מֶען זֶעט גָארְנִישְׁט, נָאר בֵּיימֶער, מֶען קֶען פָּארְן רוּאִיג, קֵיינֶער שְׁטֶערְט נִישְׁט, עֶס אִיז אַ שְׁטִילֶע, גְרִינְגֶע, רוּאִיגֶע וֶועג, דָארְט קֶען מֶען זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוּן זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אָנְהֵייבּ טָאג: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער דֶעם גַאנְצְן טָאג".**

## דֶער קִינְד מֶעג זִיכֶער וֶועלְן אַהֵיימְגֵיין

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן:** אִיךְ זֶע אוֹיף עֶנְקֶער מוֹיל אַז עֶטְץ ווִילְטְס מִיר זָאגְן אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק צוּ זִיצְן בַּיי אַ שִׁיעוּר פוּן חִיזוּק פַאר מְלַמְדִים, אָבֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל אַרַיינְקוּמֶען אִין כִּתָּה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אִיךְ ווִיל שׁוֹין אַהֵיימְגֵיין...

קוֹדֶם אִיז דָאס מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק, וַוייל אַז עֶטְץ ווִילְטְס אַהֵיימְגֵיין, מֶעגְן דָאךְ דִי קִינְדֶער זִיכֶער וֶועלְן אַהֵיימְגֵיין...

אַ מְלַמֵד הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אַ אִינְגְל אִין זַיין כִּתָּה וָואס פוּן וֶוען עֶר קוּמְט אָן צוּפְרִי זָאגְט עֶר: **"רֶבִּי, אִיךְ ווִיל אַהֵיימְגֵיין"**, אוּן דֶער מְלַמֵד עֶנְטְפֶערְט אִים צוּרִיק: **"דֶער רֶבִּי ווִיל אוֹיךְ אַהֵיימְגֵיין! מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד אַהֵיים, נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט מֶען שׁוֹין אַהֵיים..."**

## אִיךְ בִּין גְרֵייט דִיר צוּ הֶעלְפְן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן מְנַהֵל:** אִיךְ בִּין דִיר גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן פִיר אִין צְוָואנְצִיג שָׁעָה מִיט וָואס מֶען דַארְף, אוֹיבּ עֶס אִיז נוֹגֵעַ פַאר דִי חֵדֶר זָאלְסְטוּ מִיר אוֹיפְוֶועקְן אֲפִילוּ אִינְמִיטְן דִי נַאכְט.

שֵׁיין וֶועל אִיךְ אוֹיסְקוּקְן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיךְ מַאכְן פַאר אַ רֶבִּי, מִיט אַ גָאלְדֶענֶע וַויין פְלַאשׁ, אוּן אַ וַוייסֶע הַאנְטוּךְ... אִיךְ בַּאקוּם אַלְץ פוּן דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע תַּלְמִידִים וַוייסֶע הַאנְטוּכֶער, וַוייל אַזוֹי זֶענֶען זֵיי צוּגֶעוואוֹינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּיי דִי רֶבִּי'ס, עֶס אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק, אָבֶער מַיין פָּאסְטְן אִיז נִישְׁט צוּ זַיין אַ רֶבִּי, אִיךְ ווִיל דִיר הֶעלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

## חֵדֶר עֶרֶב תִּשְׁעָה בְּאָב

דֶער מְנַהֵל הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווִילַאנְג מֶען זָאל מַאכְן חֵדֶר עֶרֶב תִּשְׁעָה בְּאָב, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט: עֶרֶב תִּשְׁעָה בְּאָב קֶען מֶען לִכְאוֹרָה מַאכְן חֵדֶר מֶער ווִי אַ הַאלְבֶּע טָאג, וַוייל עֶרֶב תִּשְׁעָה בְּאָב פַּאסְט מֶען דָאךְ נִישְׁט.

דִי וֶועלְט עֶנְדִיגְט חֵדֶר בַּיי חֲצוֹת, וַוייל אִין דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז מֶען טָאר שׁוֹין נִישְׁט לֶערְנֶען פוּן חֲצוֹת, אָבֶער דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה שְׁרַייבְּט דָאךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תקנ"ג, אִין בֵּאוּר הֲלָכָה): **"וְאִי לָאו דְמִיסְתַּפִינָא מֵחַבְרַיָּיא הֲוָה אֲמִינָא דַאֲפִילוּ בְּיוֹם תִּשְׁעָה בְּאָב עַצְמוֹ הָיָה לָנוּ לְהָקֵל, ... אֶלָא דְמֵאַחַר שֶׁאִסוּר בָּרוּר הוּא בְּשַׁ"ס וּפוֹסְקִים פְּשִׁיטָא דְאֵין לָנוּ כֹּחַ לְהָקֵל ... אָמְנָם בְּעֶרֶב תִּשְׁעָה בְּאָב יֵשׁ לְהָקֵל כֵּיוָן שֶׁלֹא הֻזְכַּר בְּשַׁ"ס וּפוֹסְקִים וְכֵן אֲנִי נוֹהֵג אַף בְּחוֹל"**, וֶוען אִיךְ וָואלְט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט, וָואלְט אִיךְ גֶעהֵייסְן לֶערְנֶען אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב אַלֵיינְס, אָבֶער עֶרֶב תִּשְׁעָה בְּאָב קֶען מֶען זִיכֶער מֵקִיל זַיין אוּן אַזוֹי פִיר אִיךְ זִיךְ; אִיז אֶפְשָׁר כְּדַאי צוּ מַאכְן חֵדֶר לֶענְגֶער פוּן אַ הַאלְבֶּע טָאג, אוּן מֶען מוּז נִישְׁט אַ גַאנְצְן צַייט לֶערְנֶען, מֶען קֶען אוֹיךְ גֶעבְּן צַייט צוּ שְׁפִּילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אָמֵן.

•••

## מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְכִים, זוּנְטָאג פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם הַשֵּׁם בֵּרַכְנוּכֶם מִבֵּית הַשֵּׁם. גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ נָאכְאַמָאל צוּזַאמְקוּמֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְחַנֵךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אַזוֹי ווִי מֶען הֵייבְּט יֶעצְט אָן אַ נֵייעֶ לֶערְן יָאר אִין שׁוּלֶע 'בֵּית פֵיגָא', וֶועל אִיךְ אוֹיךְ רֶעדְן פוּן זַאכְן וָואס זֶענֶען נוֹגֵעַ פַאר דִי לֶערֶערִינְס, בִּפְרַט פַאר דִי לֶערֶערִינְס פוּן דִי עֶלְטְסְטֶע כִּתָּה, אוּן אִיךְ הָאף אַז דִי לֶערֶערִינְס וֶועלְן אוֹיסְהֶערְן דֶעם שִׁיעוּר.

אִיךְ דַאנְק דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה, אַז מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דִי רִיכְטִיגֶע מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס. אִין אָנְהֵייבּ וֶוען מִיר הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי שׁוּלֶע אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייל מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וֶועמֶען צוּ גֵיין צוּם טִישׁ, מֶען הָאט גֶעמוּזְט נֶעמֶען לֶערֶערִינְס פוּנְדְרוֹיסְן, אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה - הָאט מֶען נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה, אָבֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט הָאבְּן מִיר גָאר גוּטֶע לֶערֶערִינְס.

## דִי עֶלְטְסְטֶע כִּתָּה אִיז דֶער עָתִיד פוּן דִי קְהִילָה

בַּיי מִיר אִיז דִי עֶלְטְסְטֶע כִּתָּה פוּן שׁוּלֶע אַזוֹי ווִי 'יְשִׁיבָה גְדוֹלָה', אַזוֹי קוּק אִיךְ עֶס אָן, עֶס אִיז דָא דִי יוּנְגֶערֶע כִּיתּוֹת, דִי מִיטֶעלֶע כִּיתּוֹת, נָאכְדֶעם אִיז דָא דִי 'יְשִׁיבָה גְדוֹלָה' - דִי עֶלְטְסְטֶע כִּתָּה, וָואס דָאס אִיז דֶער עָתִיד פוּן דִי קְהִילָה, דִי צוּקוּנְפְט, דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹר פוּן אִידִישֶׁע מַאמֶעס.

אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת וֶוערְט זֵייעֶר עֶרְנְסְט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ צְוֶועלְפְטֶע קְלַאס, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז בַּיי אוּנְז אִיז מֶען שׁוֹין אַ מַאמֶע וֶוען מֶען אִיז דִי יָארְגַאנְג פוּן צְוֶועלְפְטֶע קְלַאס, אוּן בַּיי דִי עֶלְפְטֶע קְלַאס הַאלְט מֶען שׁוֹין נָאךְ דִי חֲתוּנָה, קוּמְט אוֹיס אַז בַּיי אוּנְז אִיז דִי ווִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען מֶען אִיז פֶערְצְן, פוּפְצְן, זֶעכְצְן יָאר.

## מֶען דַארְף זִיךְ כְּסֵדֶר אוֹיפְפְרִישְׁן

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַרוֹיסְצוּקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל עֶנְק כְּסֵדֶר מְחַזֵק זַיין, וַוייל אֲפִילוּ דֶער בֶּעסְטֶער מְלַמֵד מִיט דִי בֶּעסְטֶע קִינְדֶער, דַארְף אוֹיךְ חִיזוּק אָנְצוּגֵיין מִיט זַיין אַרְבֶּעט.

אִיךְ גֶעבּ אַלְץ דֶעם מָשָׁל, אַזוֹי וִוי אַ קֶעכֶער וָואס וִויל קָאכְן פִּישׁ אוּן פְלֵיישׁ, לֵייגְט עֶר אַרַיין דָאס עֶסְן אִין טָאפּ, אוּן לֵייגְט אַרַיין דִי בֶּעסְטֶע סְפֵּייסֶעס (גֶעוִוירְצְן), נָאכְדֶעם מוּז עֶר קוּמֶען יֶעדֶע פָּאר מִינוּט אוּן גֶעבְּן אַ מִישׁ דֶעם טָאפּ, נָאר אַזוֹי וֶועט עֶס אוֹיסְקוּמֶען גוּט, אוֹיבּ עֶר וֶועט קְלָאצְן אוּן נִישְׁט מִישְׁן דֶעם טָאפּ, וֶועט גָארְנִישְׁט וֶוערְן דֶערְפוּן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס, דַארְף מֶען פוּן צַייט צוּ צַייט זִיךְ גֶעבְּן אַ פְּרִישׁ אוֹיף צוּ טוּן דִי אַרְבֶּעט מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אָפְט אִיךְ וֶועל קֶענֶען אַרוֹיסְקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר, קֶען זַיין יֶעדֶע וָואךְ אָדֶער יֶעדֶע צְוֵויי וָואכְן.

## אָפְּשְׁרַייבְּן דִי נְקוּדוֹת

יֶעצְט וִויל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן, עֶטְץ זָאל זִיךְ אָפְּשְׁרַייבְּן דִי פָּאר נְקוּדוֹת וָואס מִיר גֵייעֶן רֶעדְן, אוּן עֶס הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן אַ גַאנְץ יָאר, וַוייל דָאס זֶענֶען זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ וִויסְן מֶען זָאל קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין.

## זַיין אָנְגֶעגְרֵייט וָואס מֶען גֵייט טוּן מִיט דִי קִינְדֶער

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז נוֹגֵעַ פַאר יֶעדְן, סֵיי פַאר מְלַמְדִים אוּן סֵיי פַאר לֶערֶערִינְס, פוּן אַלֶע יָארְגֶענְג.

מֶען מוּז קוּמֶען אָנְגֶעגְרֵייט וָואס מֶען גֵייט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער!

עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין יוֹשֶׁר אוֹיבּ מֶען קוּמְט נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט, אוּן נִישְׁט נָאר עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, נָאר אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט צוּגֶעגְרֵייט קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין הַצְלָחָה!

מֶען קֶען נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען אִין כִּתָּה אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵיי אִיךְ דָא הַיינְט טוּן, מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען מִיטְ'ן פְּלַאן 'אִיךְ וֶועל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זִיךְ טְרֶעפְן וָואס צוּ טוּן, אַזוֹי וֶועל אִיךְ מַאכְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה'... אָדֶער 'אִיךְ וֶועל נָאכְאַמָאל אִיבֶּער דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אֵיינְמָאל דֶערְצֵיילְט', - וָואס גֵייסְטוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער? מֶען מוּז קוּמֶען אָנְגֶעגְרֵייט מִיט חוֹמֶר, מִיט שְׁטָאף.

אִין שׁוּלֶע בַּיי דִי עֶלְטְסְטֶע כִּתָּה אִיז עֶס אַבִּיסְל גְרִינְגֶער, וַוייל עֶס אִיז דָא אַסַאךְ לֶערֶערִינְס, יֶעדֶע לֶערֶערִין לֶערְנְט נָאר אַ קוּרְצֶע לִימוּד.

מֶען מוּז זַיין קְלָאר אָנְגֶעגְרֵייט וָואס גֵיי אִיךְ הַיינְט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, מִיט וָואס גֵיי אִיךְ אָנְהֵייבְּן מַיין טָאג. מֶען מוּז הָאבְּן וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן, פַאר יוֹם טוֹב דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן דֶעם יוֹם טוֹב וָואס קוּמְט, יֶעצְט הַאלְט מֶען שׁוֹין נָאנְט צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קֶען מֶען שׁוֹין רֶעדְן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פוּן דִי שׁוֹפָר, וָואגְשָׁאל, עֶפְּל אִין הָאנִיג, זִיךְ וואוּנְטְשְׁן לְשָׁנָה טוֹבָה, אוּן פוּן זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן.

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר מִיט אַ מְלַמֵד אָדֶער אַ לֶערֶערִין וָואס לֶערְנְט אוֹיס פַּרְשָׁה אוּן יָמִים טוֹבִים, דָאס אִיז אוֹיךְ מִיט דִי לֶערֶערִינְס וָואס לֶערְנֶען אַנְדֶערֶע זַאכְן, וִוי עֶנְגְלִישׁ וְכַדוֹמֶה, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף פָארְאוֹיס וִויסְן 'וָואס גֵיי אִיךְ הַיינְט טוּן?' אוּן 'וָואס אִיז מַיין מֶעסֶעדְזְשׁ וָואס אִיךְ וִויל הַיינְט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער?'

## קֵיינֶער אִיז נִישְׁט קַיין 'פִּיפְטֶע רָאד' אִין כִּתָּה

אַלֶע וָואס קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר דִי קִינְדֶער, סֵיי דִי אִידִישֶׁע לֶערֶערִינְס, סֵיי דִי עֶנְגְלִישֶׁע לֶערֶערִינְס, סֵיי דִי וָואס קוּמֶען אוֹיסְלֶערְנֶען טַייטְשׁ פוּן דַאוְונֶען, נַ"ךְ, דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, אוֹיסְלֶערְנֶען שְׁטוּבּ וִוירְטְשַׁאפְט, נֵייעֶן, קָאכְן, בַּאקְן, אוּן עֶקְסֶערְסֵייז (אִיבּוּנְגֶען), אַלֶעס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג, אִיבֶּעראַל קֶען מֶען אַרַיין לֵייגְן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט אָדֶער מֶען טוּט עֶפֶּעס מִיט דִי קִינְדֶער, קֶען מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער וִויכְטִיגֶע זַאכְן, מֶען טְרַאכְט פוּן אַ שֵׁיינֶע מִדָה וָואס מֶען וִויל אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער, אוּן מֶען טוּט עֶס אָן אִין אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה אָדֶער אִין עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דִי לֶערֶערִין וָואס טוּט מִיט דִי קִינְדֶער עֶקְסֶערְסֵייז, דַארְף וִויסְן בַּיי זִיךְ: 'אִיךְ קוּם נִישְׁט סְתָם שְׁטוּפְּן דִי צַייט, צֶערַייסְן אַ שָׁעָה פוּנֶעם טָאג, אִיךְ קוּם אוֹיסְלֶערְנֶען וִויכְטִיגֶע זַאכְן, אִיךְ גֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער גוּטֶע מִידוֹת אוּן אַז אִין לֶעבְּן טוּט מֶען נִישְׁט אַלֶעס וָואס מֶען וִויל, נָאר מֶען טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג, נָאר עֶס אִיז אָנְגֶעטוּן אִין עֶקְסֶערְסֵייז'.

קוּמְט אוֹיס אַז עֶקְסֶערְסֵייז אִיז אוֹיךְ אַ לִימוּד; נִישְׁט 'אוֹיךְ' אַ לִימוּד, נָאר עֶרְשְׁט אַ לִימוּד, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט וֵוינִיגֶער וִוי לֶערְנֶען פַּרְשָׁה מִיט דִי קִינְדֶער.

דִי לֶערֶערִין וָואס טוּט עֶקְסֶערְסֵייז אִיז נִישְׁט אַ 'פִּיפְטֶע רָאד לֶערֶערִין', נָאר זִי דַארְף אוֹיךְ זַיין פָארְגֶעקוּקְט, 'וָואס גֵיי אִיךְ הַיינְט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער', אוּן דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן גְלֵייךְ צִי דִי לֶערֶערִין הָאט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן, זִי קוּקְט נִישְׁט אַ גַאנְצְן צַייט אוֹיפְ'ן זֵייגֶער 'וֶוען עֶנְדִיגְט זִיךְ שׁוֹין מַיין צַייט', נָאר זִי הָאט זֵיי וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי לֶערֶערִין וָואס לֶערְנְט נָבִיא; דֶער עֶצֶם לִימוּד אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִויכְטִיג פַאר מֵיידְלֶעךְ, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען אוֹיבּ אַ מֵיידְל קֶען נִישְׁט נָבִיא, אָבֶּער דִי לֶערֶערִין דַארְף טְרַאכְטְן אוּן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן וָואס זִי גֵייט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אִינְמִיטְן דֶעם לִימוּד. מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט יֶעצְט רֶעדְן אַ שָׁעָה צַייט אַז מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַ מַאמֶע, אָדֶער פוּן אַנְדֶערֶע גוּטֶע מִדוֹת, דֶערְפַאר לֶערְנְט מֶען פַאר נָבִיא אוּן צְוִוישְׁן דִי וֶוערְטֶער לֵייגְט מֶען אַרַיין וָואס מֶען וִויל אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער.

## קוּמֶען צַייטְלִיךְ אוּן זַיין אוֹיסְגֶערוּט

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וִויל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן, מֶען מוּז זַיין צַייטְלִיךְ! אוּן מֶען מוּז זַיין אוֹיסְגֶערוּט!

פַאר לֶערֶערִינְס וָואס קוּמֶען נָאר אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַז גְרִינְגֶער צוּ זַיין צַייטְלִיךְ, אָבֶּער אֲפִילוּ דִי וָואס קוּמֶען יֶעדְן טָאג, וָואס דָאס אִיז שׁוֹין אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ זַיין יֶעדְן טָאג אִין צַייט, מוּזְן אוֹיךְ זַיין צַייטְלִיךְ.

פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ סִימָנִים פוּן 'הִלְכוֹת שַׁבָּת', אוּן 'הִלְכוֹת בְּרָכוֹת', אִיז אוֹיךְ דָא אַ גַאנְצֶע סִימָן פוּן 'הִלְכוֹת מְלַמְדִים'. דָארְט שְׁטֵייט (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף יז): **"וְאֵין לִמְלַמֵד לִנְעֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַאי, שֶׁלֹּא יִהְיֶה עָצֵל בְּיוֹם לְלַמֵד"**, אַ מְלַמֵד טָאר נִישְׁט אוֹיפְזַיין שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט זַיין מִיד.

מְלַמְדִים זָאגְן מִיר: אַ טָאג וָואס אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף פְרִי, אוּן אִיךְ בִּין צַייטְלִיךְ, [אִין עֶנְגְלִישׁ רוּפְט מֶען עֶס: 'אִיךְ בִּין עֶהֶעד אָף דִי גֶעים'], אִיךְ בִּין אִין חֵדֶר נָאךְ פַאר דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַרַיין, אוּן אִיךְ וַוארְט זֵיי אָפּ אַפָּאר מִינוּט פַארְדֶעם, - אִיז אַלֶעס פֵיין, אִיךְ הָאבּ דִי שְׁמֵייכְל צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, 'אַ גוּט מָארְגְן' פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, וַוייל עֶס אִיז נָאךְ פַאר דִי צַייט.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי לֶערֶערִינְס וָואס דַארְפְן קוּמֶען נָאךְ לָאנְטְשׁ, אוֹיבּ מֶען קוּמְט אָן פִינְף מִינוּט פַאר עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ לָאנְטְשׁ, מֶען גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה, מֶען אִיז אַלֶעס מְסַדֵר, נָאכְדֶעם גֵייט מֶען צוּרִיק אַרוֹיס וַוייל דִי קִינְדֶער דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן וֶוען אִיךְ קוּם אַרַיין, דֶעמָאלְט אִיז עֶס גָאר אַנְדֶערְשׁ.

וֶוען מֶען קוּמְט אָן דִי לֶעצְטֶע מִינוּט אוּן עֶס טוּט זִיךְ שׁוֹין, בִּפְרַט אַ לֶערֶערִין וָואס דַארְף נָאךְ טְרָאגְן אִיר בֶּעבִּי צוּ דִי בֶּעבִּי סִיטִינְג - אִיז דִי גַאנְצֶע טָאג גֶעיָאגְט אוּן נִישְׁט רוּאִיג.

אַז מֶען אִיז צַייטְלִיךְ, אָנְגֶעגְרֵייט אוּן אוֹיסְגֶערוּט, אִיז דָא אַ בְּרָכָה אִינֶעם טָאג!

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר אי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

## ווי אַזוֹי צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת אִין חֵדֶר פַאר דִי קִינְדֶער?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד דִי מְלַמְּדִים פוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ דֶערְצֵיילְן נַארִישֶׁע אוֹיפְגֶעטְרַאכְטֶע מַעֲשִׂיוֹת, אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דְרַאמַאטִישׁ מִיט פַארְמַאכְטֶע לֶעקְטֶער וְכוּ' וְכוּ'; עֶס קֶען דֶערְשְׁרֶעקְן דִי קִינְדֶער וְכוּ'. עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס, עֶנְדֶערְשׁ לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, לֵייגְט אַרַיין אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת.

דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגֶע צַדִיקִים. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער מוּסָר, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "יָא", הָאט אִים דֶער צַאנְזֶער רָב גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבוֹת הַלְּבָבוֹת", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ דֶערְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ"; מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים פְלַאמְט אוֹיף דִי נְשָׁמָה, מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים עֶפְנְט דִי הַארְץ מֶען זָאל אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן זַיין אַ צַדִיק.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ בֶּעטְן דִי בָּאס דְרֵייוֶוערְס אוּן דִי בָּאס מְלַמְּדִים, מֶען זָאל אָנְצִינְדְן נָאר טֶעיפְּס פוּן בַּעֲלֵי מְסַפְּרִים מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן נִיגוּנִים פוּן בַּעֲלֵי מְנַגְּנִים מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; אִיךְ וָוארְן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל הֶערְן אַז מֶען צִינְדְט אָן מַעֲשִׂיוֹת אָדֶער נִיגוּנִים פוּן לֵצִים, דָאס אִיז בַּיי מִיר דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, מֶען זָאל גֶעבְּן צוּ הֶערְן פַאר דִי קִינְדֶער נָאר פוּן עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס דֶערְצֵיילְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. וַוייל נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיז אַדְוֶוערְטֵייזְט אִין דִי צֵייטוּנְגֶען אוּן אוֹיסְגַאבֶּעס - מֵיינְט יִרְאַת שָׁמַיִם, נִישְׁט יֶעדֶע קִינְדֶער טֶעיפּ וָואס מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס מֵיינְט אַז דָאס מֶעג מֶען הֶערְן, אוּן נִישְׁט יֶעדֶער זִינְגֶער וָואס גֵייט מִיט אַ שֵׁיינֶע שְׁטְרַיימְל מֵיינְט אַז עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי תַּלְמִידִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיֵּרָא שְׁנַת תשפ"ג)

## אִיךְ ווִיל מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וָואס הָאבְּן לִיבּ זֵייעֶר אַרְבֶּעט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעווּאוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד, ווִי אַזוֹי מֶען קוּקְט אִין הִימְל אוֹיף אַ מְלַמֵּד - וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְן אַ גַאנְצְן טָאג: "אַ מְחַיֶּ' אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד!" וָואלְסְט גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי זְכוּת צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

אִיךְ טוּ דָאס שׁוֹין כִּמְעַט צְוָואנְצִיג יָאר, פוּן שְׁנַת תשס"ד לֶערְן אִיךְ תּוֹרָה מִיט בָּחוּרִים, פוּן אֵיין זַייט אִיז דָאס אַ בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָאס דִי זִיסְטֶע זַאךְ, דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ; אִיךְ וָואלְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט מִיט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט אִין דִי וֶועלְט. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים כז, ד): "שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי", אִיךְ זָאל וַוייטֶער קֶענֶען זִיצְן אִין בֵּית הַשֵּׁם מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

לָאז מִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זַיין אַ מְלַמֵּד, וַוייל אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט אִין חֵדֶר גֶעצְוְוינְגֶענֶערְהֵייט - ווִיל אִיךְ נִישְׁט דוּ זָאלְסְט זַיין בַּיי אוּנְז וַוייטֶער מְלַמֵּד; אִיךְ ווִיל מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וָואס הָאבְּן לִיבּ זֵייעֶר אַרְבֶּעט, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין טוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה שְׁנַת תשפ"ג)

## אַ מְלַמֵּד דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט עֶרְלִיכֶע קְלֵיידֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר דִי קְהִילָה; וָואס מֶען טוּט פַאר דִי קְהִילָה - אִיז אַ שִׁמּוּשׁ פַארְן רֶבִּי'ן, אוּן אַז מֶען אִיז מְשַׁמֵּשׁ דֶעם רֶבִּי'ן - אִיז דָאס אַ נִצְחִיּוּת.

דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מְלַמְּדִים הָאבְּן אַן אַחְרַיּוּת ווִי אַזוֹי זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף, ווִי אַזוֹי זֵיי טוּעֶן זִיךְ אָן; אַ מְלַמֵּד דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט עֶרְלִיכֶע קְלֵיידֶער; אַז אַ מְלַמֵּד וֶועט קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אָן אַ הוּט אוּן רֶעקְל - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיּוּת, אַנְדֶערְשׁ ווִי סְתַּם אַ מֶענְטְשׁ. אַזוֹי אוֹיךְ אַ גַבַּאי, דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן בַּיים דַאוֶוענֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַז נִישְׁט בְּרֶענְגְט דָאס אַרָאפּ דָאס חֲשִׁיבוּת פוּנֶעם שׁוּל.

הַכְּלָל עֶס אִיז דָא אַ צְווִישְׁנְשֵׁייד פוּן אֵיינֶער וָואס הָאט אַ חָשׁוּבְ'עֶ פָּאסְטְן בִּיז אֵיינֶער וָואס נִישְׁט; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן.

אִיךְ זֶע מַמָּשׁ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט מִיר זָאגְן לְגַבֵּי דִי יְשִׁיבָה, אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען פוּן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע יְשִׁיבָה; יֶעצְט אִיז דָאס אוֹיךְ בַּיי דִי חֵדֶר, סְקוּל אוּן אוּנְזֶער הֶערְלִיכֶע קְהִילָה אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן תשפ"ג)


צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com



קול בר־סלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876